פו־לע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 8. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרײז 15 גראָשען

הײנט 10 זײטען

# נײער פאָלקסבלאַט

№ 141 | Łódź, Niedziela, 19 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, ט״ו סיון תרצ״ב | № 141

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# בעריהמט. קינסטלער מאָריצי טרעמבאטש

## איז שטערבליך פערוואונדעט געווארען בעת אַן אויטא-קאטאסטראפע

## זיין פרוי און פריינד זענען ארויס אונבעשעדיגט

צהערנעכטען שפּעט אין אָוונט האָט זיך דער בעריהמטער לאָדזער קונסט-מאָלער מאָריצי טרעמבאטש צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיינעם א פריינד אונגעפיש צוריקגעפאָהרען פון ווארשע מיט א לאָדזער טאַקסובקע נומער 12.

אין ווארשא איז ער געווען. כדי צו איינאָרדענען זיין קראַנקע טאָכטער, א בעקאַנטע פּיאַניסטקע, אין אָטוואָצק.

ארויסגעפאָהרען פון וואַרשא זענען זיי א זייגער 10 ביינאַכט, און אויפן וועג קיין סקערניעוויץ האָט דער שאָפער אָנגעהויבען צו בלאָנדזשען און איז נאָך 2 שעה אַרומוואַנדען געקומען אויפן וועג קיין בושעזשין. דער אַלטער קונסטמאָלער איז געווען זעהר מיד און איז איינגעשלאָפען אין דער טאַקסובקע. די נאַכט איז געווען א אויסערגעוועהנליך פינסטערע, אַזוי אז דער שאָפער האָט נישט בעמערקט דעם שאָסעי-אומבויג.

אין אַ געוויסען מאָמענט איז די טאַקסובקע אַריינגעפאַלען אין אַ גרוב, און דער אויטא האָט זיך איבערגעקעהרט.

עס האָבען זיך דערהערט מורא'דיגע וויי-געשרייען פון הינטער דעם אויטאָ. דער ערשטער איז ארויס פון הינטער דעם איבערגעקעהרטען אויטאָ דער שאָפער, וועלכען ס'איז גאָרנישט געשעהען און ער האָט אָנגעהויבען צו ראַטעווען די פּאַסאַזשירען, ווי ס'האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט איז אויך טרעמבאטש'ס פרוי און דעם ה' אונגעפיש גאָרנישט געשעהען.

נאָר דער קינסטלער איז געלעגען אָהן בעוואוסטזיין. נאָכ'ן אַרויסבעקומען דעם אומגליקליכען מאָלער פון אונטער דעם אויטאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז ער איז שווער פעוואונדעט, פון מויל נאָז און אויערען איז געגאָנגען בלוט.

די פערצווייפלונג פון דער פרוי און דעם קינסטלערס פריינד איז געווען אונגעהויער, ווייל די טאַקסובקע איז געווען צושטערט און דאָס האָט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט, אז מען זאָל קאָנען בעזאָרגען שנעלע הילף פאַר דעם אומגליקליכען

לסוף האָט זיך דאָך איינגעגעבען צוריק אויפצושטעלען די טאַקסיבקע און דער שאָפער האָט זיךגענומען צו דער ארבייט, כדי צו קענען ווייטער פאָהרען. נאָך אַ האַלבע שעה ארבייט האָט מען מיט דעם זעלבען אויטאָ טרעמבאטשן געברענגט קיין לאָדז און איהם גלייך געפיהרט אין פּאָזנאַנסקיס שפּיטאַל.

דאָרט האָט מען איהם אָבער נישט געוואָלט אויפנעהמען, ווייל ס'איז נישט געווען קיין קוואַליפיקאַציע פון דאָקטאָר. מען איז באַלד צוגעפאָהרען אין אַמבולאַטאָריום פון לינת-הצדק. וואו דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַ מוח-דערשיטערונג, אַ בעשעדיגונג פון חוט השדרה און א בעשעדיגונג פון לינקען אויג. די לאַגע איז געווען אַ געפעהרליכע און די קארעטקע פון „לינת-הצדק" האָט דעם שווער-פערוואונדעטען גלייך צוריק געפיהרט אין פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל, וואו מ'האָט איהם שוין דאַסמאָל אויפגענומען. זיין צושטאַנד איז נאָך אַלץ אַ זעהר און זעהר ערנסטער...

* * *

אויפ'ן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע זענען אַרויסגעפאָהרען פאָרשטעהער פון דער פּאָליציי, כדי פעסטצושטעלען צי ביי דעם שאָסעי-אומבויג איז נישט פערהאַן קיין סיגנאַל-צייכען און צי ידער שאָפער איז נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר דער קאַטאַסטראָפע.

* * *

ווי מיר דערוויסען זיך, איז שפּעט ביינאַכט דער קינסטלער מאָריצי טרעמבאַטש אויף אַ קורצע ווילע געקומען צום בעוואוסטזיין, אָבער זיין צושטאַנד איז נאָך אַלץ אַ געפעהרליכער, די דאָקטוירים האָבן פעסט געשטעלט אַז דער שאַרבען פון דעם קינסטלער איז פולשטענדיג געפּלאַצט, כדי אָפּצוראַטעווען דעם אַנטוואָרטליכע אָפּעראַציע ,פון צונויפבייהען דעם

(ווייטער זעה 2־טע זייט).

Tkaniny A·G·B

SPÓŁKA AKCYJNA
PIOTRKOWSKA 80

uprzejmie zawiadamia Sz. Klientelę, że w poniedziałek 20 b. m. rozpoczyna

WYPRZEDAŻ

towarów **jedwabnych, wełnianych, bawełnianych** oraz **resztek.** UWAGA. Sprzedaż normalna odbywa się niezależnie od wyprzedaży.

די נײ־ערעפענטע

פּערפומעריע

BUCHWAJC
i ROTENBERG

11 ליסטאפאד 13 (קאנסטאַנטינער)

בעזיצט אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

קאסמעטיק

צו צוגענגליכע פרייזען. רעיעלע בעהאנדלונג!

**PODZIĘKOWANIE.**

Szanownym P. P. Doktorom Med.

J. AJZNEROWI i L. PIKIELNEMU

szpitala małż. Poznańskich w Łodzi, za udaną operację w wyjęciu mi zgniłej nerki i dzięki Ich energicznym staraniom jestem zdrowa i życie moje Im zawdzięczam. Tą drogą składam me serdeczne podziękowania, życząc Im pomyślności na Ich polu pracy.

3823 **SALA ETINGER,** Głowno

איינלאדונג!

די פערוואלטונג פון „מלביש ערומים" מאכט בעקאנט, אז היינט, זונטאג, פינקטליך 4 נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון בעקער-צעך, פילסודסקי גאס 57

פייערליכע בעקליידונג

פון 200 ארימע קינדער,

צו וועלכע אלע מיטגלידער און סימפאטיקער ווערען העפליך איינגעלאדען בייצוואוינען דעם יום-טוב פון די קינדער.

3630 די פערוואלטונג.

הוי נפלה עטרת ראשנו!

אחרי מחלה כבדה גוע ונאסף אל עמיו אתמול בשעה 10 בערב בעלי אהובי, אבינו היקר, אחינו, זקננו ודודנו החסיד וירא שמים נ״ע

נפתלי הירצקי הכהן
צימרינאווסקי

בן ר׳ פנחס ז״ל בשנת השבעים לימי חייו אשר שמש בקדש הרב הגאון ר׳ אלי׳ חיים זצ״ל מייזל וגם הרב הגאון ר׳ אליעזר ז״ל טרייסטמאן.

ההלויה תהי׳ היום א׳ פ׳ בהעלתך בשעה 12 בצהרים מבית האבל רחוב זאכאדניא 51.

השרויים בצער עמוק
משפחתו המתאבלת.

צוליב די ערשטע שמערצליכע יאהרצייט פון מיין ליבע פרוי

גוטשא סאט נ״ע

און אונזער ליבע מוטער ווי אויך מיין ליבע שוועגערין

חי׳ קאהן נ״ע

ווערען היינט, 12 א זייגער מיטאג ענטהילט די מצבות. ס'ווערען געבעטען קרובים און בעקאנטע פינקטליך צו קומען.

די טרויערנדע פאמיליע.

פאר גאלד,
ביזשוטעריע און
לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזן
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7. 6079

## צו די גנבים!

ביי א יודישען זשורנאליסט האט מען פריינטאג צוגעגנב'עט 2 וואליזקעס מיט וועש און מלבושים. די גנבים ווערען געבעטען זיך צו פערשטענדיגען טעלעפאניש אויפ'ן נומער 224-71.

